ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח' | **פרשת מטות** | שנת תשע"א

**נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים אחר תאסף אל עמך:**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער אייבערשטער טאקע תולה געווען דאס שטארבן פון משה רבינו ע"ה מיט די מלחמה אין מדין?

ענטפערט דער ספר **משנת דר"א** ווייל די גמרא אין מס' סנהדרין (דף ל"ח) ברענגט אז א צדוקי האט געפרעגט אויב דער רבש"ע איז א כהן וואו האט ער זיך גע'טובל'ט ווען ער האט באערדיגט משה רבינו ע"ה, אויב וועסטו וועלן זאגן אין וואסער קען נישט זיין ווייל דער פסוק זאגט **מי מדד בשעלו מים** (ישעי' מ' י"ב) וועסטו זאגן אין פייער, קען מען זיך דען טובל'ן אין פייער? האט ער איהם געענטפערט אז אדרבא, די עיקר טבילה איז מיט פייער, ווי דער פסוק זאגט **כל דבר אשר יבא באש תעבירו באש.**

דער **מדרש** זאגט אז דער אייבערשטער האט צוגערעדט משרע"ה אז ער זאל מסכים זיין צו שטארבן, און ער האט אים מבטיח געווען אז ער וועט זיך אליין אפגעבן מיט זיין קבורה.

לויט דעם פארשטייט מען, אז ווען דער אייבערשטער וואלט ווען סתם אזוי געזאגט פאר משרע"ה אז ער גייט שטארבן וואלט געשטערט פאר משרע"ה די קשיא פונעם מין, ווי אזוי דער אייבערשטער וועט זיך קענען מתעסק זיין מיט איהם, אמער ווי אזוי וועט ער זיך טובל'ן, וועגן דעם האט דער אייבערשטער קודם באפוילן אויף מלחמת מדין, און דארט האט ער געזאגט די הלכה פון הגעלה, אז דער עיקר פון כשר'ן איז מיט פייער, האט משה רבינו פארשטאנען אז דער אייבערשטער וועט זיך אליין קענען מתעסק זיין מיט אים, וועגן דעם האט ער מסכים געווען צו שטארבן.

*

**וימסרו מאלפי ישראל:**

זאגט רש"י אז דא זעהט מען דעם שבח פון די רועי ישראל, ביז היינט האט משרע"ה געדארפט מורא האבן אז זיי וועלן אים פארשטיינערן, און יעצט אז זיי האבן געהערט אז ער גייט שטארבן נאך מלחמת מדין האבן זיי איהם נישט געוואלט לאזן גיין.

אין ספר **אורי וישעי** ווערט געברענגט א קשיא בשם **רבי מתתי' הכהן אב"ד ליסא**, וואס איז דאס דער שבח פון די רועי ישראל, דאס איז נאר א שבח פאר אידישע קינדער וואס האבן תשובה געטון און זיך פארבעסערט הערנדיג אז משה רבינו גייט שטארבן?

נאר די גמרא זאגט אין מס' כתובות אז א תלמיד חכם וואס די מענטשן פון די שטאט האבן אים זייער ליב, מיינט דאס נישט אז ער איז טאקע זייער גוט, נאר דאס איז א סימן אז ער זאגט זיי נישט גענוג מוסר.

קומט אויס אזוי, ווען די אידן וואלטן ווען ליב געהאט משה רבינו ביים לעבן וואלט מען ווען נישט געוואוסט צי דאס איז גוט, ווייל אפשר איז דאס ווייל ער זאגט זיי נישט קיין מוסר, אבער ווייל איך זע אז ווילאנג ער האט געלעבט האט מען אים נישט ליב געהאט, נאר ווען ער האט שוין געהאלטן ביים שטארבן, איז דאס א סימן אז ער האט זיי יא געזאגט מוסר, און הערשט ווען ער האט שוין געהאלטן ביים אוועק גיין האבן זיי הערשט תופס געווען ווי וויכטיג און ווי נוצבאר זיין מוסר איז געווען פאר זיי, איז דאס דער שטארקסטער סימן איבער דאס חשיבות פון דעם רועה נאמן משה רעיא מהימנא.

*

**ויאמר אלעזר הכהן וגו' זאת חקת התורה וגו' כל דבר אשר יבא באש תעבירו באש וגו':**

עס איז באקאנט די קשיא פארוואס האט די תורה הק' מצווה געווען צו כשר'ן די כלים דוקא נאך מלחמת מדין, און נישט נאך די פריערדיגע מלחמת סיחון ועוג.

ענטפערט **רביה"ק זי"ע** אין **דברי יואל** אז דער מדרש זאגט אז מלחמת סיחון איז געווען ערב שבת. און ווי נאר זיי האבן געענדיגט מלחמה האלטן מיט סיחון איז עוג ארויסגעגאנגען קעגן זיי, און אידן האבן נישט געוואלט מחלל שבת זיין, האט משרע"ה אפגעשטעלט די זון ביז ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט.

קומט אויס אז ווי נאר די מלחמה האט זיך געענדיגט איז צוגעפאלן די נאכט פון שבת קודש, און אין שבת האבן זיי נישט געטארט כשר'ן די כלים, און נאך שבת זענען שוין די כלים נישט געווען קיין 'בן יומו', און די תורה האט נאר געהייסן כשר'ן כלים בני יומן, וועגן דעם איז מלחמת מדין געווען די ערשטע מלחמה וואו עס האט נוגע געווען די הלכה פון הגעלת כלים.

### לא יחל דברו

דער **הייליגער ישמח משה זי"ע** זאגט אז באמת איז נישטא קיין איד וואס ער האט נישט פון צייט צו צייט א התעוררות צו טון דעם רצון ה', נאר שפעטער ווערט ער אפגעקילט פון זיין התעוררות און ער פאלט צוריק, אבער די ערליכע אידן בני עליה, זיי שפירן אלעמאל אז זיי האלטן ביים אנהויב, און זייער עבודה איז אייביג פריש ווי מ'וואלט יעצט צום ערשטן מאל געדינט דעם אייבערשטן.

טייטשט מיט דעם דער **עצי חיים זי"ע** **איש כי ידור נדר לה'**, אז א איד איז מקבל אויף זיך צו דינען דעם אייבערשטן, איז דער עיקר **לא יחל דברו**, ער זאל נישט נאכלאזן פון זיין קבלה, נאר ער זאל דאס האלטן די גאנצע צייט פריש ווי עס וואלט געווען א נייע עבודה.

# אוצר הידיעות

## ימי בין המצרים

די ימי בין המצרים זענען זייער הויכע טעג, אין וועלכן דאס דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה און התלהבות האט א שטארקע חשיבות.

דער עבודת ישראל (פר' מסעי) ברענגט בשם הרה"ק רבי ר' בער זי"ע דער מעזריטשער מגיד, כל רודפי' יעדער איינער וואס טוט נאכיאגן השי"ת און ער וויל אים ממליך זיין אויף זיך, השיגוה, קען ער דערגרייכן די מדריגה, אין די טעג פון בין המצרים. וואס דאס איז שטארק מסוגל זיך צו דערהייבן ברוחניות.

דער עבודת ישראל איז מסביר פארוואס אין די טעג דארף מען דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה, עפ"י משל צו א קעניג וואס האט א גאנצע פמליא מיט משוררים און מנגנים וואס זאלן זינגען פאר אים און אין דערפרייען. אין די צייטן וואס דער קעניג איז רוהיג איז נישט אזוי וויכטיג אים צו דערפרייען, אבער אין די צייטן ווען ער איז טרויעריג און צוטראגן דארף מען אים זייער וויכטיג אונטערהאלטן און משמח זיין.

אין ספה"ק ייטב פנים (מאמר יפה לעינים) ברענגט דער ייטב לב זי"ע א מעשה וואס איז געווען ביים ישמח משה זי"ע, נאך איידער ער איז געווארן א חסיד האט ער זיך געוואונדערט פארוואס די חסידים זענען אלעמאל פרייליך, אין די צייט וואס אין שו"ע שטייט ראוי לכל ירא שמים להיות מיצר ודואג על חורבן ביהמ"ק.

ווען ער איז געפארן דאס ערשטע מאל צום רבי'ן פון לובלין ז"ל, האט ער מתפלל געווען צום אייבערשטן אז דער רבי פון לובלין זאל אים פארענטפערן די קשיא. ווייל חכמינו ז"ל זאגן הבא לטהר מסייעין אותו, עס שטייט 'מסייעין' א לשון רבים, דאס מיינט אז אויך דער צדיק העלפט צו דעם איד צוצוקומען צום דרך האמת.

ווען ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן פון לובלין האט ער זיך באלד אנגערופן צו אים, פארוואס זעהט איר אויס אזוי שלעכט, עס איז טאקע אמת וואס חז"ל זאגן ראוי לכל יר"ש להיות מיצר ודואג על חורבן ביהמ"ד, אבל עס שטייט דאך אז ביי א חכם איז צהלתו בפניו ואבלו בלבו "גלייבט מיר, מיר זאגן תיקון חצות מיט גרויסע בכיות, און דאך זענען מיר אלעמאל בשמחה". מיר האבן אזוי געלערנט ביים רבי'ן ר' שמעלקא זי"ע עפ"י משל צו א קעניג וואס איז געפאנגען געווארן אין די מרחקים, און ער איז אנגעקומען צו איינעם פון זיינע פריינד, ווען יענער האט געזעהן דעם קעניג אין אזא מצב האט ער געוויינט און זיך געפרייט, ווייל אפילו דער מצב איז זייער טרויעריג אז דער קעניג איז געפאנגען, איז אבער די שמחה גרויס אז דער קעניג איז געקומען צו איהם אין שטוב.

# אוצר רבותינו

## לא יחל דברו

פעם אחת היה להגאון מווילנא זי"ע איזה מחלה בגרונו, וכאשר הרופא בדק אותו אמר שיש הכרח לעשות תיכף ניתוח, כי זה יכול לגרום שיחנק ל"ע. אבל הגאון ז"ל לא רצה שינתחו אותו.

באו אז ואמרו להגר"א שיש בווילנא איזה אשה שיש בידה סגולות ויכולה לומא איזה לחש שמסיר כל המחלות ואולי הוא יוכל להתרפא על ידה.

אבל הגר"א חשש אולי הכוחות של האשה באים מצד הסטרא אחרא, ולכן צוה שיקראו לה והוא חקר ודרש אצלה לידע בדיוק מי היא ומה מעשיה.

ספרה האשה שהיא נתאלמנה מבעלה לפני עשר שנים, ונשארה אלמנה לבדה עם עשר ילדיה, והמעט ממון שהשאיר בעלה אחריו לר החזיק מעמד זמן רב ונשארה לבדה ללא משען ומשענה ולא יכלה לתת לחם לפי הטף.

כמובן שהוא היתה שבורה ורצוצה עד מאד, ובמר נפשה הלכה פעם אחת באישון לילה לתוך הבית המדרש, ונגשה להארון הקודש ובכתה שם בבכי מר.

אחרי זמן רב שבכתה שם שמעה בת קול שקרא לה ואמה לה שתתחיל לומר ה'לחש' לכל מיני חולי ומכאוב, ומזה יהיה לה פרנסה בכבוד. שאלה לה'בת קול' "איזה לחש אומר?", ענו לה שתבקש כוס מים ותאמר בלחש ברכת 'שהכל נהיה בדברו' ואחר כך ברכת 'בורא נפשות' ומזה יהיה רפואה להחולה.

ואכן עשתה כפי אשר נתטותה, וזה לה כמה שנים שיש לה מזה פרנסה בכבוד, וכל החולים שבאו אליה נתרפאו על ידה.

כאשר שמע הגאון מווילנא את דבריה התחיל לצחק מאד, ומגודל הצחוק התחיל לצאת מפיו אייטער, והוא נתרפא ממחלתו.

אח"כ סיפר הגר"א שהוא ישב אז ולמד בביהמ"ד במשך הלילה, וכאשר נכנס האשה לביהמ"ד ובכתה זמן רב לא יכול ללמוד כראוי, ורצה להרגיע אותה ולכן הלך הוא ונתן לה את העצה הנ"ל, אבל מעולם לא עלתה על דעתה שדבריו נתקיימו ואכן האשה היה לה ישועה ופרנסה הרבה שמים על ידי הדברים שאמר לה אז בביהמ"ד.

וסיים "כנראה שבהיות שמשך כל ימי אני נזהר מאד לומר רק האמת, ולא לעבור על לא יחל דברו, מהאי טעמא עוזר הקב"ה ש"כל היוצא מפיו יעשה".

# יגעת ומצאת

די וואך וועלן מיר אי"ה ממשיך זיין צו לערנען די "יגעת ומצאת" פארשידענע אינטערעסאנטע ידיעות איבער דברי חכמינו ז"ל:

ווער האט מסדר געווען ש"ס ב"מ דף פ"ו ע"א? (תוס' חולין דף ב' ד"ה אנא) ווער האט דאס צוגענדיגט? א) (מאירי בהקדמה למס' אבות) ב) (קיצור כללי המשנה דף מ"ד ע"א). ווי אזוי איז געווען דער סדר פונעם מסדר זיין? (ב"ב דף קנ"ז ע"ב, רשב"ם בד"ה מהודרא בתרא)) וויפיל מאל האט ער דאס מסדר געווען? (כנ"ל) וויפיל יאר האט גענומען פון אנהויב ביזן ענדיגן מסדר זיין ש"ס? (קיצור כללי המשנה דף מ"ד ע"א) פארוואס הייסט דאס גמרא? א) ב) (ספר שבת אחים בהקדמה) ווער האט מסדר געווען ירושלמי? אויף וועלכע שפראך איז געשריבן תלמוד בבלי? אויף וועלכע שפראך איז געשריבן תלמוד ירושלמי ? ווען בבלי מיט ירושלמי קריגן זיך ווי וועמען פסק'ענען מיר? ראש (מס' ברכות פ"ו סט"ז) פארוואס? (כנ"ל) ווי אזוי הייסן די תלמידי חכמים נאך די אמוראים? פארוואס הייסן זיי אזוי? (איגרת רב שרירא גאון פ"ט)

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' פנחס

א. תוספתא נעשה ע"י רבי חייא, והסיבה שרצה להסביר פירוש המשנה שנכתב בקיצור, ומה"ט נקרא תוספתא שזה כמו תוספות על המשנה.

ב. הברייתא נעשה ע"י רבי אושעיא, והטעם, כדי להסביר המשנה, והסיבה שנקרא ברייתא, שזה לשון "מבחוץ" כי הוא כבר הוסיף כמה דברים שלא נאמרו בהמשניות.

ג. וזה החילוק בין התוספתא שלא מוסיף כלום להמשנה רק מסביר כוונת המשנה, משא"כ הברייתא מוסיף הרבה הלכות שרבי לא תנא במתני'.

ד. תורת כהנים-ספרא נעשה ע"י רב, זה חיבור מיוחד על חומש ויקרא, והסיבה שנקראה בשם "תורת כהנים" כי הלכותי' עוסקים בעבודת הכהנים בביהמ"ק, קרבנות, נגעים, טהרת המצורע, טומאה וטהרה וכו'. ונקראה ספרא, כי חיבור רק על ספר אחד מחשה חומשי, ספר ויקרא.

ה. בגמרא נקרא ספר תורת כהנים-ספרא בשם "ספרי דבי רב".

ו. ספרי ג"כ נתחבר ע"י רב, על חומש במדבר דברים, ומה"ט נקראה ספרי, כי זה לשון רבים, שמוסב על שני ספרים מחמשה חומשי תורה. ובגמרא זה נקרא "שאר ספרי דבי רב".